בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רביעוביץ שליט"א

## שבועות
### ו' אייר תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:58 |
| מוצש"ק | 8:16 |
| ר"ת | 8:52 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:13 | סוז"ת א' | 9:41 |
| סוזק"ש ב' | 9:04 | סוז"ת ב' | 10:14 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קפ"ז
שנה ד'

## טיב הפרשה

# קבלת התורה
## אין היינטיגע צייטן

מיט א דחילו ורחימו גרייט זיך כלל ישראל צו פראוועגען די וואך נאך א געהויבענער יום טוב שבועות.

עס איז ברייט באקאנט וואס דער הייליגער אר"י הק' האט מגלה געווען ברוח קדשו אז ווען עס קומט צוגיין א יום טוב דערוועקט זיך פון פריש די בחינה און די אור וואס עס האט געשיינט יענער יום טוב. דער אר"י הק' זאגט עס לגבי פורים און עס ווערט געברענגט אין שער הכוונות ענין פורים [דרוש א'], אבער דארט ווערט געברענגט אז נישט נאר פורים איז אזוי, נאר יעדער יום טוב און יעדער יומא דפגרא איז אזוי.

די בחינה האט מען אויך געזען ביי אלע פריערדיגע צדיקים. מען האט געזען ווי אזוי זיי פלאמען אריין אין דעם גרויסן טאג פון יום טוב בכלל און ביי דער יום טוב שבועות בפרט, גלייבנדיג אין די קדושת היום פון די טאג.

אסאך הייליגע מימרות איז דא אין די נושא פון די פריערדיגע צדיקים איבער די חשיבות און קדושת היום, און אז שבועות איז די בחינה ווי א יום הדין פאר די רוחניות פון א איד.

אין ספר בוצינא דנהורא ברענגט ער אראפ אז דער הייליגער ר' ברוכ'ל פון מעזשיבוזש זי"ע פלעגט זאגן אז ער ציטערט נישט אזוי פון ראש השנה און יום כיפור ווי ער ציטערט פון שבועות, ולשונו בקודש וואס זיי זאגן נאך איז, אז ער האט געזאגט אז ראש השנה און יום כיפור איז "א קוויליטש ארויף, א קוויליטש אראפ", אבער שבועות איז מען דן אויף די רוחניות פון א איד, וועלכע הארה ער זאל באקומען און וואס ער זאל אויס'פועל'ן אין דעם טאג, און פאר דעם ציטערט ער אסאך מער.

ביי צדיקים האט מען אויך געזען, אז מידי שנה בשנה האבן זיי געזען די התגלות און זוכה געווען צו זען און צו הערן בחוש די קולות וברקים פון מתן תורה.

דער באקאנטער חסיד וצדיק ר' אליהו ראטה זצ"ל וועלכער האט זוכה געווען צו באדינען דער גרויסער צדיק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל שבועות צופרי האט ער באגלייט דעם רבי'ן אין די מקוה. גייענדיג אין די מקוה האט זיך דער צדיק געגעבן א רוף אן צו אים אז ממש יעצט פרעגט מען אין הימל די אידן צי זיי ווילן מקבל זיין די תורה אדער נישט.

"לאמיר אויסשרייען צוזאמען נעשה ונשמע", האט זיך דער צדיק געגעבן א רוף אָן, און ביידע אינאיינעם האבן טאקע אויסגעשריגן נעשה ונשמע און מקבל געווען די תורה.

אז מען לעבט מיט דעם און מ'ווייסט אז אויך היינט איז מען מקבל די תורה, קען מען פארשטיין פון דעם פארוואס ווען מען רעדט פון קבלת התורה איז דער לשון וואס מ'נוצט א לשון הוה 'נותן התורה' און מען זאגט נישט א לשון 'עבר' טראץ וואס מען האט שוין מקבל געווען די תורה, ווייל מידי

## טיב המערכת

# הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם

וועגן דער הייליגער יום טוב שבועות זאגט רב יוסף אין די גמרא 'אִי לָאו הַאי יוֹמָא כַּמָּה יוֹסֵף אִיכָּא בְּשׁוּקָא', דאס מיינט צו זאגן אז ווען נישט די תורה וואס איז געגעבן געווארן אינעם יום טוב שבועות איז דאך דא אין גאס אסאך יוסף'ן און איך בין דאך נישט אנדערש פון זיי נאר איך בין דאך פונקט ווי איינער ווי זיי, און מיין גאנצע גרויסקייט איז דאך נאר אין זכות פון די תורה הקדושה וואס איז געגעבן געווארן אינעם יום טוב שבועות.

דער יום טוב שבועות ווערט אנגערופן 'זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ', און אייגנטליך דארף מען פארשטיין אז 'מתן' איז דאך א לשון הוה, פון יעצט, און די תורה הקדושה איז דאך שוין געגעבן געווארן, וואלט מען עס גדארפט רופן מיט א לשון עבר, פונעם פארגאנגענהייט, און מען וואלט עס גדארפט אנרופן 'חַג שֶׁנִּתְּנָה בּוֹ הַתּוֹרָה', אויב אזוי פארוואס רופט מען עס טאקע 'זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ' וואס דאס איז א לשון פון יעצט? נאר דער ענין איז, ווייל יעדן יאר ווערט נתחדש דאס נתינת התורה אין דעם טאג, און אזוי זאגן די הייליגע חז"ל אויפן פסוק 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם', 'וְכִי אוֹתוֹ יוֹם נִיתְּנָה תּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל, וַהֲלֹא אוֹתוֹ יוֹם סוֹף אַרְבָּעִים שָׁנָה הָיָה? אֶלָּא לְלַמֶּדְךָ שֶׁחֲבִיבָה תּוֹרָה עַל לוֹמְדֶיהָ כְּיוֹם שֶׁנִּתְּנָה תּוֹרָה מֵהַר סִינַי'.

נאך קען מען מוסיף זיין, אז אינעם הייליגן יום טוב שבועות זענען מיר געווארן א פאלק, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם', און 'עָם' מיינט מען א גרויסן באפעלקערונג אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'עַם רָב', און דא איז פאסיג צו באצייכענען די ווערטער פון רש"י אין פרשת בחוקותי אויפן פסוק 'וְרָדְפוּ מִכֶּם חֲמִשָּׁה מֵאָה וּמֵאָה מִכֶּם רְבָבָה יִרְדֹּפוּ', זאגט רש"י 'וְכִי כָּךְ הוּא הַחֶשְׁבּוֹן, וַהֲלֹא לֹא הָיָה צָרִיךְ לוֹמַר אֶלָּא וּמֵאָה מִכֶּם שְׁנֵי אֲלָפִים יִרְדֹּפוּ, אֶלָּא אֵינוֹ דּוֹמֶה מוּעָטִין הָעוֹשִׂין אֶת הַתּוֹרָה לְמְרֻבִּים הָעוֹשִׂין אֶת הַתּוֹרָה'.

לויט די הייליגע ווערטער פון רש"י, איז נישט נאר וואס דער מענטש זאל זיך אליין באשעפטיגן אין לימוד התורה און אין עבודת התפילה, נאר ער זאל טראכטן און זען וואס ער קען טון כדי צו פארמערן תורה אין כלל ישראל, כדי נאך א איד זאל לערנען תורה. איינער האט דער מעגליכקייט צו עוסק זיין אין קירוב רחוקים, איינער קען איבערגעבן שיעורים, און עס זענען דא אזעלכע וואס קענען שענקען פון זייער פארמעגן כדי צו מזכה זיין אנדערע, און אזוי ווייטער זענען דא אסאך וועגן, יעדער איינער לויט די כשרונות און מעגליכקייטן וואס דער אויבערשטער האט אים געשאנקען, און אפילו א קליין קינד קען לערנען מיט א חבר וואס מוטשעט זיך מיטן לערנען, און דער עיקר – אז יעדער איינער זאל זיך אנשטרענגען און זארגן דערפאר אז נאך א איד זאל לערנען א דבר תורה, און דעמאלטס וועט אויך דער 'נותן', דער 'משפיע' פארדינען, ווייל 'אֵינוֹ דּוֹמֶה מוּעָטִין הָעוֹשִׂין אֶת הַתּוֹרָה לְמְרֻבִּים הָעוֹשִׂין אֶת הַתּוֹרָה', אזוי ווי די ווערטער פון רש"י, און דעמאלטס וועלן מיר זוכה זיין לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל לִשְׁמוֹעַ לִלְמוֹד וְלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתֶךָ בְּאַהֲבָה.

(עפ"י טיב המועדים – שבועות)

טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יום ביומו איז מען פון פריש מקבל די הייליגע תורה.

מיט דעם דערהער קען מען אויך פארשטיין וואס דער קדושת לוי זאגט אז מידי שנה בשנה איז מען אום שבועות זוכה צו מחילת עונות. מיר ווייסן דאך אז אין די טאג ווען מען האט חתונה איז א טאג פון א מחילת עונות, ווי די גמרא זאגט (ירושלמי ביכורים ג׳ ג׳) הנושא אשה מוחלין לו על כל עוונותיו.

אבער אויך אויף דער עצם קבלת התורה איז דא מחילת עוונות, ווי חז"ל זאגן אונז אין ירושלמי [ר"ה פ"ד ה"ח] וז"ל: אמר להם הקב"ה מכיון שקבלתם עליכם עול תורה, מעלה אני עליכם כאילו לא חטאתם מימיכם עכ"ל.

מען זעט דער געדאנק אז שבועות איז נישט געווען קיין קרבן חטאת, ווייל דער עיצומו של יום איז מכפר.

מען זעט די גרויסקייט פון שבועות און ווי אזוי אידן האבן זוכה געווען אין דעם טאג צו שפירן די קדושה און די געהויבנקייט פון דער טאג. דאס לערנט אונז אויס אז אפילו מיר שפירן עס נישט און עס איז ווייט פון אונז דארף מען גלייבן אין דעם און לעבן מיט דעם, און אז מ׳וועט האבן אמונה אין די קדושה פון דעם טאג און וויסן צו שעצן איר גרויסקייט און איר קדושה – וועט מען זוכה זיין צו שפירן די הייליגקייט, און מקבל זיין די גרויסע און הייליגע שפע וואס קומט אראפ און גיסט זיך אראפ אין די טעג און מקבל זיין די הייליגע תורה, און זוכה זיין צו רוחניות׳דיגע אורות און השפעה וואס ווערט נמשך אויף יעדן איד אין דעם טאג.

זאל הקב"ה געבן אז מ׳זאל זוכה זיין צו איר בקרוב און אויף א גרויסער פארנעם אריינצוכאפן ווי מער פון דעם גרויסן טאג.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן הזך לייענדס

## אין זכות פון די מצוה

ווען איך האב געהערט אז די חתונה פון מיין חשוב׳ער קאזען וועט פארקומען אין ארץ ישראל, האב איך גלייך אויסגעדרוקט מיין חשק צו זיין ביי די חתונה. פאר לאנגע יארן בין איך נישט געווען אין ארץ ישראל און עס האט געברענט אין מיר א חשק צו זיין אין ארץ ישראל.

די חתונה איז פארגעקומען סוף וואך. איך דין אלץ מגיד שיעור אין א ישיבה. זוכנדיג צו פעלן ווי ווייניגער פון ישיבה, האב איך געטון אלעס אין די וועלט אז איך זאל נישט דארפן פעלן פון די ישיבה.

איך האב גענומען די שפעטסטע מעגליכע פלי־רייזע קיין ארץ ישראל, איך האב גענומען מיינע זאכן צו די ישיבה אז איך זאל קענען ארויספארן גלייך פון ישיבה צו די עירפארט.

זייענדיג אויפ׳ן וועג צו די עירפארט, האט מיין בני בית זיך פארבינדן מיט מיר. זי האט געוואלט צי איך האב אלעס, צי האב אויף מיר מיין פאספארט.

"זיכער האב איך עס אויף מיר".

אבער זי האט זיך גע׳עקשנ׳ט פרעגנדיג צי איך האב עס טאקע אויף מיר, צי כ׳האלט עס אין מיין האנט. וויסנדיג אז זי מיינט מיין גוטס, האב איך אריינגעלייגט מיין הענט אין טאש, און וואונדער, עס איז נישט געווען דארט.

"עס ליגט זיכער אין מיין טאשקע", האב איך א זאג געגעבן.

מיט מיר זענען מיטגעפארן נאך עטליכע בני הישיבה, די רענצלעך זענען געלעגן אין די באגאזש.

"מיין טאשקע איז אין די באגאזש", האב איך איר געזאגט.

אין יענע מינוט האט זיך איינער פון די מיטפארער אנגערופן אז דער טאשקע ליגט אויף זיין שויס. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז נישט געווען קיין פלאץ אין די באגאזש זייענדיג איבערגעפולט, און אן קיין ברירה האט מען געמוזט אריינלייגן די טאש אין די קאר צווישן די זיץ פלעצער.

האבנדיג די טאש אין מיין האנט האב איך געמאכט א גרינטליכע אונטערזוכונג, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיין פרוי האט רעכט, די פאספארט איז געבליבן אין שטוב.

קיין צוויי ברירות האט מען נישט געהאט. מען האט זיך אויסגעדרייט און זיך ארויסגעלאזט אין וועג און געגאנגען אפנעמען די פאספארט.

נאר אנקומענדיג אין עירפארט האב איך געכאפט אז איך האב פארזען א קריטישע נקודה.

איידער איך האב זיך ארויסגעלאזט אויפ׳ן וועג, האט א באקאנטער געבעטן צי איך קען מיטנעמען פאר זיינעטוועגן עטליכע קליינינגקייטן קיין ארץ ישראל.

"אפאר קליינינגטן, זייער גערן, אבער נישט מער".

זעט אויס אז ׳קליינינגקייטן׳ האט ביי יעדע אן אנדערן טייטש, דער איד האט מיר אנגעלאדענט א זאק מיט זאכן.

אין די ערשטע רגע האב איך געטראכט צו מיר אז כ׳לאז די געפעק דא, אבער ענדע האב איך זיך מתגבר געווען אויף מיינע מידות גייענדיג לפנים משורת הדין און יא מיטגענומען די געפעק.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט ענדע אז זיין פעקל האט געראטעוועט די מצב.

נאר ווייל ער האט געשיקט אזא גרויסע פעקל איז נישט געווען קיין פלאץ אין די באגאזש און מען האט עס געמוזט לייגן די טאש פארענט און אזוי ארום האט מען געקענט אנטדעקן אז דער פאספארט פעלט.

מיר האבן זיך געלערנט אז פון א גוטער זאך פאר א צווייטן איד דערלייגט מען קיינמאל נישט.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: מ.ש.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922



# תּוֹרָה לִשְׁמָהּ

**"בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֱלֹקֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ – בָּרוּךְ אַתָּה ה' נוֹתֵן הַתּוֹרָה"** ברכת התורה

איז דער הייליגער **ב"ח זצוק"ל** מפרש (או"ח סי' מז אות ב), אז אין אט די ברכה ווערט ערקלערט דער יסוד פון די בחירה וואס דער אויבערשטער האט אויסגעוועלט אינעם עם סגולה אין אט דעם געהויבענעם טאג פונעם **יום טוב שבועות**, כדי צו איינווארצלען אין אונז און אין אונזער עצם הנשמה זיין הייליגע תורה, וואס איז אראפגעטיילט געווארן מֵעַצְמוּתוֹ יִתְבָּרַךְ פונעם אוֹר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, ביז אין אט דעם הייליגן יום טוב איז עס אויסגעהאקט געווארן אלץ **חֲטִיבָה אַחַת** פון **"קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אוֹרַיְתָא וְיִשְׂרָאֵל חַד"** (זוה"ק ח"ג דף עג.).

און פאלגנד איז דער הייליגער לשון פונעם ב"ח (וואס איז נוגע צו אונזער ענין): "נִרְאֶה דְּכַוָּנָתוֹ יִתְבָּרַךְ מֵעוֹלָם הָיְתָה, **שֶׁנִּהְיֶה עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה כְּדֵי שֶׁתִּתְעַצֵּם נִשְׁמָתֵינוּ בְּעַצְמוּת וְרוּחָנִיּוּת וּקְדֻשַּׁת מְקוֹר מוֹצָא הַתּוֹרָה**. וְלָכֵן נָתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תּוֹרַת אֱמֶת לְיִשְׂרָאֵל בְּמַתָּנָה, שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח מֵאִתָּנוּ. **כְּדֵי שֶׁתִּתְדַּבֵּק נִשְׁמָתֵינוּ וְגוּפֵינוּ, בִּרְמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסַ"ה גִּידִין, בִּרְמַ"ח מִצְוֹת עֲשֵׂה וּשְׁסַ"ה לֹא תַעֲשֶׂה שֶׁבַּתּוֹרָה"**.

"וְאִם הָיוּ עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה עַל הַכַּוָּנָה הַזֹּאת, **הָיוּ הֵמָּה מֶרְכָּבָה וְהֵיכָל לִשְׁכִינָתוֹ יִתְבָּרַךְ. שֶׁהָיְתָה הַשְּׁכִינָה מַמָּשׁ בְּקִרְבָּם, כִּי הֵיכַל ה' הֵמָּה, וּבְקִרְבָּם מַמָּשׁ הָיְתָה הַשְּׁכִינָה קוֹבַעַת דִּירָתָהּ**, וְהָאָרֶץ כֻּלָּהּ הָיְתָה מְאִירָה מִכְּבוֹדוֹ. וּבָזֶה יִהְיֶה קָשׁוּר לְפָמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה עִם פַּמַלְיָא שֶׁל מַטָּה, וְהָיָה הַמִּשְׁכָּן אֶחָד".

"אֲבָל עַתָּה שֶׁעָבְרוּ חוֹק זֶה, שֶׁלֹּא עָסְקוּ בַּתּוֹרָה **כִּי אִם לְצֹרֶךְ הַדְּבָרִים הַגַּשְׁמִיִּים, לַהֲנָאָתָם, לֵידַע הַדִּינִים לְצֹרֶךְ מַשָּׂא וּמַתָּן, גַּם לְהִתְגָּאוֹת לְהַרְאוֹת חָכְמָתָם וְכוּ'**. הִנֵּה בָּזֶה עָשׂוּ פֵּרוּד, שֶׁנִּסְתַּלְּקָה הַשְּׁכִינָה מִן הָאָרֶץ וְעָלְתָה לָהּ לְמַעְלָה, וְהָאָרֶץ נִשְׁאֲרָה בְּגַשְׁמִיּוּתָהּ בְּלִי קְדוּשָּׁה, וְזֶה הָיָה גּוֹרֵם חֻרְבָּנָהּ וַאֲבֵדָתָהּ וְכוּ'. וְהֵמָּה עָזְבוּ אֶת תּוֹרָתִי 'וְלֹא הָלְכוּ בָהּ'. פֵּרוּשׁ, תְּחִלַּת הַהֲלִיכָה בְּרוּחָנִיּוּת הַתּוֹרָה מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, כְּדֵי שֶׁתִּתְדַּבֵּק הַנְּשָׁמָה בְּעַצְמוּת קְדוּשַּׁת הַתּוֹרָה, לֹא הָלְכוּ בָהּ. דְּהַיְינוּ, **לֹא הָלְכוּ בָהּ לִשְׁמָהּ**, בְּשָׁעָה שֶׁבָּאוּ לִפְתֹּחַ בְּעֵסֶק הַתּוֹרָה, וּלְבָרֵךְ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, וּלְהוֹדוֹת לוֹ עַל נְתִינַת הַתּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ דְּבֵקִים בִּקְדֻשָּׁתָהּ וּבִשְׁכִינָתוֹ יִתְבָּרַךְ".

"וְהוּא הַמְכֻוָּן בְּבִרְכַּת אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ, עַל אֲשֶׁר קֵרְבָנוּ לִפְנֵי הַר סִינַי, וְנָתַן לָנוּ תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, כְּלִי חֶמְדָּתוֹ שֶׁהָיָה מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בָּהּ בְּכָל יוֹם. כְּדֵי שֶׁתִּתְדַּבֵּק נִשְׁמָתֵינוּ בְּעַצְמוּת קְדֻשַּׁת הַתּוֹרָה וְרוּחָנִיּוּתָהּ, וּלְהוֹרִיד הַשְּׁכִינָה בְּקִרְבֵּנוּ – לֹא הָלְכוּ בָהּ לַעֲסֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה **לִשְׁמָהּ** כו'. וְכָךְ הִיא גִּירְסַת **רַב אַלְפַס** (ברכות ה: בדפה"ר) 'וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ **לִשְׁמָהּ**', וְכָזֶה רָאוּי לְהַגִּיהַּ בַּסִּדּוּרִים", ביז אהער זיין הייליגן לשון.

***

**די דביקות פון "תורה לשמה" וואס האט צוגעברענגט צו גילוי אליהו**

ביי איינע פון די נסיעות פון **דער הייליגער אפטער רב בעל "אוהב ישראל" זצוק"ל**, ווי דער שטייגער פון די צדיקים בימים ההם, איז ער אנגעקומען צו א שטאט וואו עס האט געוואוינט די שוועסטער פון **דער הייליגער רבי ר' שמעלקא ניקלשבורגער זצוק"ל**, וועלכער איז געווען איינער פון די גדולי ומנהיגי הדור אין דער דור איידער דער הייליגער אפטער רב.

אט די פרוי איז שוין געווען א זְקֵנָה, און זי האט זוכה געווען צו אריכות ימים. און ווען עס איז אנגעקומען די שמועה צו אירע אויערן איבערן גרויסן צדיק וואס קומט אן אין שטאט, וואס ער איז פון די הייליגע און גאר נאנטע תלמידים פון **הרה"ק רבן של ישראל דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע**. האט זי געבעטן אז טראץ איר גרויסן שוואכקייט, זאל מען איר טראגן צו אים צו באקומען זיין הייליגע ברכה.

ווען זי איז אנגעקומען צו די אכסניא פונעם רבי'ן, איז זי אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד, ווייבאלד זי איז געווען איינע פון די חשוב'ע זְקֵנוֹת פון די שטאט. דער הייליגער צדיק האט גענומען דעם קוויטל, און האט איר זייערווארעם געוואונטשן. נאכדעם האט ער געפרעגט אויב זי געדענקט אפשר עפעס א מעשה, אדער עפעס א גוטע הנהגה, פון איר הייליגער ברודער, **דער רבי ר' שמעלקא זי"ע**.

פון מיין הייליגער ברודער מנוחתו עדן, האט די צדיקת אנגעהויבן צו דערציילן, געדענק איך אסאך זאכן, אבער איין מעשה איז ביי מיר זייער טייער, נאכמער ווי גינגאלד און טייערע שטיינער, און אזוי גייט די מעשה:

דרכו בקודש פון מיין הייליגער ברודער איז געווען, אז מערסטנס שעות פון די נאכט, האט ער עוסק געווען אין די הייליגע תורה מיט גרויס התמדה און מיט גרויס עיון. ווייבאלד אין די שעות פון בייטאג האט ער געדארפט לערנען מיט די תלמידים פון זיין באוואוסטע ישיבה אין ניקלשבורג, וואו עס האבן געלערנט די אריות שבחבורה, כידוע. און אויך ווייבאלד ער איז געווען דער רב פונעם גרויסן שטאט און אויך איז ער געווען דער רב אינעם גאנצן אומגעגנט, איז ער געווען באשעפטיגט אין פארשידענע ענינים פון צרכי ציבור. דעריבער האט ער זיך גענומען די נאכט־שעות אלץ זיין צייט צו עוסק זיין אין די הייליגע תורה!

אין די שעות וואס דער גאנצער וועלט שלאפט רואיג, און יעדער איז פארנומען מיטן זיך אויסרוען און זיך אנגרייטנדיג פארן קומענדיגן טאג, האט דער צדיק געשעפט פארגעניגן מיטן עמל און יגיעה פון די הייליגע תורה במנוחת הדעת און במנוחת הנפש. אין אט די שעות פלעגט ער זיך אראפלאזן אין די טיפענישן פונעם ים התלמוד, און צוגרייטן זיינע טיפזיניגע שיעורים און זיסע דרשות, וואס זייער גוטער נאמען איז צושפרייט געווארן נאנט און ווייט. [און פילע ספרים זענען געדרוקט געווארן פון אט די שיעורים און דרשות בהלכה ובאגדה].

און אט, אין איינס פון די נעכט, האט זיך דאס ליכטל פלוצלונג פארלאשן אינמיטן לערנען, וואס דאס האט אים פארשאפט גרויס צער, סיי צוליב די שעות וואס זענען נאך געבליבן פונעם נאכט, אז ער זאל חלילה נישט דערלייגן פון זיי אויסצונוצן צו לערנען די הייליגע תורה, און סיי ווייבאלד ער איז געווען אין די טיפענישן פון די סוגיא, זייענדיג איבערגעבויגן איבער פילע ספרים, און ער האט נישט געקענט ווייטערגיין מיטן קלארמאכן דעם סוגיא לַאֲמִתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה.

ווייבאלד ער איז געווען גוט אויסגעקאכט גלייבנדיג אינעם **טיב ההשגחה** אין יעדער זאך און אין יעדן ענין, אזוי ווי ער האט מקבל געווען פון זיינע רבי'ס **דער גרויסער מגיד פון מעזריטש און דער הייליגער בעל שם טוב זכותם יגן עלינו**, אז מען זאל זיין דבוק מיטן גאנצן חיות הנפש אין די אמונה אינעם בורא אין יעדער צייט, האט ער גוט פארשטאנען אז נישט פון זיך אליין און נישט דורך א צופאל האט זיך דער ליכטל איז אלעס פונעם מְסַבֵּב כָּל הַסִּבּוֹת, און אין זיין ענגשאפט האט ער זיך געבעטן פארן הייליגן באשעפער, אז ער זאל אים באלייכטן אינעם פינסטערניש.

אין הימל האט מען געזען דעם צער פונעם הייליגן צדיק, און ווייבאלד **קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת**, איז זיין תפילה אנגענומען געווארן. און אט פלוצלונג, ווען ער איז נאך אזוי געשטאנען און מתפלל געווען, האט זיך געהערט א קלאפעריי אויפן טיר פונעם צימער וואס האט זיך געפינען אויפן צווייטן שטארק, אין זיין הייליגן וואוינונג וואס איז געווען איבערן גרויסן בית המדרש.

דער רבי ר' שמעלקא איז צוגעגאנגען צו דער פענסטער צו זען פון וואס עס רעדט זיך, און ווי פארוואונדערט איז ער געווארן זעענדיג א הויכער מענטש מיט א פראכטיגן געשטאלט מיט א ברענענדיגן ליכט אין זיין האנט! ווען ער האט געעפנט דער פענסטער, האט אים דער מענטש ווארעם באגריסט, ער האט אים געגעבן שלום און ער האט אים צוריקגעגעבן שלום, און נאכן איבערגעבן דעם ברענענדיגן ליכט אין די האנט פונעם רבי'ן ר' שמעלקא, האט ער זיך ווארעם געזעגנט פון אים און איז גלייך פארשוואונדן געווארן...

א געוואלדיגע שמחה האט דער רבי ר' שמעלקא געהאט מיט אט דעם הייליגן ליכט, וואס איז געקומען אים צו באלייכטן די הייליגע תורה, און ער האט געדאנקט דעם אויבערשטן מיטן גאנצן הארץ אז זיין תפילה איז געענטפערט געווארן. און ער האט זיך גלייך צוריק אריינגעלייגט אין די שורות פון די הייליגע גמרא, און זיך פארטיפט אין די ווערטער פון די ראשונים כמלאכים, און ביז א קורצער צייט איז ער שוין געווען טיף פארזינקען אין די טיפענישן פונעם סוגיא כדרכו בקודש.

אזוי זענען דורכגעגאנגען עטליכע שעה פון לימוד התורה הקדושה ברציפות, מיט געוואלדיגע מתיקות, אבער ערגעצוואו אינמיטן לערנען, ווען דער הייליגער צדיק האט באטראכט דעם שיינעם ליכטיגקייט וואס האט געשיינט פונעם ליכטל וואס ער האט איבערגענומען פונעם מענטש ביים פענסטער, האט ער זיך געוואונדערט און געטראכט צו זיך די פאלגנדע מחשבה: דער צימער וואו איך געפין זיך יעצט, איז דאך כמעט אזוי הויך ווי דריי הויכע מענטשן איינס העכערן אנדערן, אויב אזוי, וויאזוי איז מעגליך געווען פאר אט דעם וואונדערליכן מענטש, אנצוקומען שטייענדיג אויפן ערד, ביזן פענסטער פונעם צימער? – דעריבער מוז מען זאגן אז דאס איז א דָּבָר פֶּלֶא מִן הַשָּׁמַיִם!

דער הייליגער צדיק האט זיך פארזינקען אין זיינע מחשבות, און א זארג האט זיך אריינגעכאפט אין זיין הארץ – ווער זאגט אז איך בין ראוי צו אזא אפענער און אנטפלעקטער נס... מעגליך איז דער פייער נישט פון די זייט פון די קדושה, און עס איז נישט אַן אֵשׁ גָּבוֹהַּ שֶׁל מַעְלָה, נאר עס איז פונעם צַד הַסִּטְרָא אַחֲרָא חלילה, און דער ציל דערפון איז, מיר צו שלעפן אין איר נעץ און מיר מאכן פאלן לִבְאֵר שַׁחַת, רחמנא ליצלן, אזוי ווי מיר ווייסן אז די צדיקים שרעקן זיך אלעמאל און זיי האבן מורא טאמער חלילה האלטן זיי נישט ערנסט מיטן באדינען השי"ת און טון זיין רצון אזוי ווי עס דארף צו זיין.

און דא האט ווייטער דער הייליגער רבי ר' שמעלקא פארגאסן זיין תפילה פאר השי"ת, אזוי ווי זיין שטייגער איז שטענדיג געווען ביי יעדער זאך, און זיינע הייליגע אויגן האבן פארגאסן טרערן גיסנדיג זיין הארציגן תפילה פארן אויבערשטן, אז ער זאל אים לאזן וויסן פון וואו עס קומט אט די פייער וואס דער וואונדערליכער מענטש האט געברענגט צו זיין פענסטער, צי עס איז מצד הקדושה, אדער חלילה פארקערט.

און ווירקליך, איז אויך אט די תפילה פארענטפערט געווארן, און מען האט אים געמאלדן בשמחה פון הימל, אז אט דער וואונדערליכער מענטש איז נישט קיין אנדערער ווי **הָאִישׁ אֲשֶׁר נַעֲנָה בְּאֵשׁ מִשְּׁמֵי גְּבוֹהִים**, דאס איז דאך דער **אִישׁ תִּשְׁבִּי עַל שְׁמוֹ נִקְרָא**, וועלכער האט אים געברענגט **'אֵשׁ מִן הַשָּׁמַיִם'**, כדי ער זאל האבן דורך אים הצלחה אין די הייליגע תורה, און וואויל איז זיין טייל **שֶׁנָּתַן לוֹ שָׁלוֹם וְהֶחְזִיר לוֹ שָׁלוֹם**.

דער רבי ר' שמעלקא האט זיך שטארק געפריידט אז ער האט זוכה געווען צו גילוי אליהו הנביא זכור לטוב, און ער האט זיך גלייך צוריקגעזעצט לערנען מיט יגיעה, אהבה, און מיט דביקות אין די שכינה הקדושה.

אבער נאך א שטיק צייט וואס ער האט זיך מדבק געווען מיט די ליכטיגקייט פון די הייליגע תורה, וואס טוט צוריקגעברענגט א איד לְמוּטָב (פתיחתא דאיכה רבתי ב, ד"ה רבי אבא בר כהנא), איז ער נאכאמאל איבערגענומען געווארן מיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וועלכע האבן זיך צופלאמט אין זיין הייליגע הארץ. וויאזוי האט ער, א מענטש וועלכער איז קָרוּץ מֵחֹמֶר, זיך דערוואגט צו מטריח זיין אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָכוּר לַטּוֹב בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ, אז ער זאל דארפן ברענגען ספעציעל פאר אים פייער מִן הַשָּׁמַיִם? און וויאזוי זאל זיך נישט שעמען א פארשעמטער באשעפעניש, צו באקומען א טובת הנאה פון א נָבִיא און מַלְאַךְ אֱלֹקִים?...

און אזוי האט ער זיך געפייניגט מיט יסורי הנפש מיט

גרויס תשובה און חרטה דערויף, און ער האט זיך נישט באַרואיגט ביז ער האט מקבל געווען אויף זיך א פולן תענית, כדי צו מתקן זיין די 'עבירה' וואס ער האט געטון, אז צוליב אים האט אליהו הנביא זיך געדארפט מטריח זיין און אראפקומען ספעציעל פאר אים כדי אים צו ברענגען די פייער...

**ווען דער הייליגער אפטער רב האט געהערט אט די פארכטיגע מעשה, איז ער זייער שטארק נתפעל געווארן, און האט זיך אנגערופן צו זיינע מקורבים זאגנדיג: אט זעט ווי ווייט מיר זענען פון די צדיקים אין די פריערדיגע דורות, ווייל אויב א מענטש זינדיגט חלילה און טוט אן עבירה רחמנא ליצלן, טוט ער תשובה און ער בעט זיך איבער מיטן אויבערשטן כביכול, אבער נישט אזוי שנעל וועט ער זיך אונטערנעמען א 'תענית' אויף יעדע עבירה וואס ער האט געזינדיגט... און דא האט דער רבי ר' שמעלקא גענומען אויף זיך א תענית, וועלנדיג תשובה טון דערפאר וואס ער האט מטריח געווען אליהו הנביא... וואס ער האט זוכה געווען אז ער זאל זיך מגלה זיין צו אים, כדי ער זאל קענען ווייטער קושר זיין כְּתָרִים לְקוֹנוֹ דורכן עוסק זיין אין די הייליגע תורה!**

**און נאכמער האט דער הייליגער אפטער רב צוגעגעבן, אז דער טעם פארוואס אט דער הייליגער צדיק און קדוש עליון האט זוכה געווען צו אט דעם נס, אז אליהו הנביא אליין איז געקומען צו אים און אראפגעברענגט פאר אים א פייער פון הימל. – דאס איז געווען וויבאלד זיין גאנצע תורה איז געווען "תורה לשמה" בשלימות, מיט די מַעְלָה הָעֶלְיוֹנָה שֶׁבַּתּוֹרָה. און ער האט נישט געהאט ביי זיך אין הארץ קיין שום זייטיגע פְּנִיָּה צו הנאה האבן אדער צו באקומען דערפון עפעס א פארדינסט פאר זיך אליין, נאר בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ. כדי זיין נשמה זאל געשטארקט ווערן און זיך מדבק זיין אינעם מקור און קוועלע פון די הייליגע תורה, דאס איז דאך דער אויבערשטער אליין, ביז ער איז געווארן א מֶרְכָּבָה לַשְּׁכִינָה דורכן זיין שטענדיג דבוק אין דער נותן התורה יתברך שמו.**

***

**בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ!**

הרה"ק **רבי נפתלי צבי ראפשיצער זצוק"ל** איז באוואוסט געווען מיט זיין חכמה און שארפקייט, און מיט זיין גרונטליכע זוכעניש נאכן אמת.

איינער פון די איינוואוינער פון די שטאט ראפשיץ, וועלכער איז געווען פון די מתפללים פון זיין בית המדרש, איז געווען פון די **"עובדים"**, און איז געגאנגען לויטן שטייגער פון די בעלי העבודה אין יענע צייטן, וועלכע האבן ליב געהאט צו שטענדיג מאכן סיגופים און פאסטן תעניתים, און דורכדעם האבן זיי געפילט א התעלות אין זייער נפש. ווי דער שטייגער פון אסאך עובדים און סַגְּפָנִים אין יענע צייטן, האט ער אויך געפאסט **'מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת'**, [בייטאג האבן זיי גארנישט געגעסן, נאר ביינאכט].

ווען דער רבי האט באטראכט די עבודה פון דעם איד, האט ער געזען אז אין א געוויסער זון איז ער אַן **'עומד'**, וויבאלד אויך נאך א תקופה פון יארן לאנג פון תעניתים און סיגופים האט ער נישט געזען ווי ער שטייגט באמת אין די מדריגות העבודה, און ער האט נישט געפינען אז ער זאל זיך האבן געטוישט אינערליך, אינדערצייט וואס די עובדי ה' טוישן זיך אינערליך מיט תשובה שלימה מיט לויטערקייט פאר השי"ת.

ווען דער רבי האט זיך נאכמער פארטיפט, וועלנדיג פארשטיין פארוואס דאס איז אזוי ביי אים, איז עס קלאר געווארן ביי אים, אז פון יונגווייז אן האט זיך דער איד ערצויגן אין די סביבה פון א גרופע עובדים און סגפנים, און זייער דרך האט געפינען חן אין זיינע אויגן, און ער האט פשוט 'הנאה געהאט' פון אט די סדרי העבודה. אזוי האט ער זיך צוגעוואוינט אז דורכן טאג דארף ער נישט עסן, און נאר ביינאכט האט ער געמאכט צוויי מאלצייטן, איינס ביים אנהייב פונעם נאכט און נאך איינס ביים סוף פונעם נאכט פארן עלות השחר, און דורכן טאג האט ער עוסק געווען בתורה ועבודה. – דאס איז אבער געווען אביסל א פינסטערע עבודה, וויבאלד עס האט געפעלט דערפון דער אור מן השמים וואס זאל באלייכטן דעם מח און הארץ! און דאס איז געווען וויבאלד עס איז געווען אן **עֲבוֹדָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ! לְגַרְמֵיהּ!** [פאר אים אליין].

איין טאג, האט דער בית המדרש געווירבלט מיט פילע חסידים, וועלכע זענען געקומען פון נאנט און פון ווייט, וויבאלד עס איז געווען א **'יומא דפגרא'** לרגל דעם יומא דהילולא רבא פון איינער פון די צדיקים, און די תלמידים זענען אנגעקומען זיך מסתופף זיין בצל הקודש לרגל דעם טאג, ביים דאווענען און ביים הייליגן טיש.

דעם דאווענען איז געפראוועט געווארן מיט גרויס התרגשות און מיט א הייליגן ציטער, ווי דער שטייגער פון די געהויבענע ראפשיצער חסידים. נאכן דאווענען, ווען ער רבי האט געדארפט צוריקגיין פונעם בית המדרש צו זיין צימער, איז שווער אנגעקומען פאר די גבאים צו עפענען א דורכגאנג פארן רבי'ן צווישן דעם גאנצן באפעלקערונג וואס האט אנגעפילט דעם בית המדרש. ווי דער שטייגער פון חסידים האט מען זיך גענומען **שטופן** אויף אלע זייטן, ווען דער גאנצער קהל שטופט זיך און ווערט געשטופט אהין און צוריק אויפאמאל... פון איין זייט האבן זיי זיך פראבירט שטופן פאראויס, וועלנדיג זען דעם הייליגן געזיכט פונעם רבי'ן, אבער פון די אנדערע זייט זענען זיי געשטופט געווארן אויף צוריק, וועלנדיג מאכן א פלאץ פארן רבי'ן, לויטן באפעל פון די גבאים, וועלכע האבן געהאלטן אין איין אויסרופן מיט א הייזעריגע שטימע: **"עפנטס אויף די וועג"!**

צווישן דעם גאנצן טומל, האט דער הייליגער ראפשיצער רב באמערקט אז די יונגווארג שטופן אט דעם 'עובד' וועלכער איז דארט געשטאנען צווישן דער קהל. גלייך האט זיך דער הייליגער רב געווענדן צו אט די יונגעלייט, און האט זיי אנגעשריגן מיט זיינע הייליגע ווערטער: פארוואס שטופט איר אזא חשוב'ער איד, וועלכער פאסט יעדער **שני וחמישי?!**

ווען דער איד האט געהערט די ווערטער פונעם רבי'ן, איז ער אביסל באליידיגט געווארן דערפאר וואס מען פארמינערט פון זיינע שבחים, און וועלנדיג צוריקקערן זיין כבוד, האט ער גלייך ארויסגעזאגט אן טראכטן: **"משבת לשבת"**...! וועלנדיג פאררעכטן די ווערטער פונעם רבי'ן, וועלכער האט נאר דערמאנט אז ער פאסט אום מאנטיג און דאנערשטיג... אינדערצייט וואס דער אמת איז, אז ער פאסט אויך משבת לשבת... – ער האט אבער גלייך געכאפט אז ער האט זיך בלויז אנגעמאכט בזיונות... און ער איז געווארן פול מיט בושה וכלימה.

די פארשטענדליכע חסידים, וועלכע האבן שוין געקענט דעם רבי'ן און פארשטאנען זיינע הייליגע דיבורים, האבן גלייך פארשטאנען אז דער רבי האט ספעציעל פארמינערט פון זיין לויב, כדי צו זען וויאזוי ער וועט רעאגירן... און כדי צו פאררעכטן זיין זעל פאר השי"ת האט ער דאס געטון. זיי האבן פאַרגעשלאָגן פארן עובד אז ער זאל אריינגיין צום רבי'ן, און באקומען פון אים עֵצָה וְתוּשִׁיָּה אין עבודת השם יתברך.

האט דער איד אנגענומען זייער עצה, און אנקומענדיג אינעווייניג בַּקֹּודֶשׁ פְּנִימָה, האט אים דער רבי זייער פריינטליך אויפגענומען, און זיך אוועקגעזעצט מיט אים פאר אן אנגענעמע שמועס איבערן תכלית פונעם לעבן אויף דער וועלט, און וויאזוי עוסק צו זיין אינעם תיקון הנפש פאר השי"ת.

ביי יענעם שמועס האט אים דער הייליגער רבי אביסל ערקלערט די כוונות פונעם פאסטן משבת לשבת, און וויאזוי א איד זאל צוגיין צו אט די עבודת הקודש, מיט אונטערטעניגונג און מיט ענוה, און בעיקר מיט תשובה געפילן און מיטן צוברעכן דעם 'יש', און מיט 'ביטול גמור' פאר השם יתברך.

דער הייליגער רבי האט אים אריינגעברענגט אין די אינערליכע אמת'ע שערי העבודה, מיט הַצְנֵעַ לֶכֶת עִם אֱלֹקֶיךָ (מיכה ו, ח), צווישן יעדער איד און זיין באשעפער, נישט דארפנדיג צוקומען צום אויסערליכע 'כבוד המדומה', און נישט נאר דאס, נאר ער פאר'מיאוס'ט זיך אליין... ביז ער לערנט זיך אויס צו אנערקענען דעם באשעפער וואס פירט אים, מיט ליבשאפט.

**ווען ער איז ארויסגעקומען פונעם רבי'ן, האט דער מענטש געשפירט אז ער איז געווארן ווי א בְּרִיָּה חֲדָשָׁה. מיט באהאלטענע כוחות האט ער זיך ארויסגעלאזט צו מאכן דעם געוואלדיגן מהפיכה אין זיין נפש, ביז ער האט זיך אויסגעלערנט דעם וועג צו דינען השי"ת לשמה בֶּאֱמֶת וּבְתָמִים, בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ!**

**אויך ביי די מעשה, האט דער איד זוכה געווען נאכן פאסטן לאנגע יארן אז ער איז שטארק דערהויבן געווארן, וויבאלד די תעניתים לייטערן דעם נפש פון אינעווייניג, און דעריבער איז געווען געוואג פאר אים צו הערן איין זאץ פונעם מויל פונעם צדיק, און דורכדעם איז ער איבערגעדרייט געווארן לאיש אחר, און ער איז צוריקגעקומען צום גוטן וועג.**

***

**רבי זונדל זצוק"ל איז מעורר כולל יונגעלייט אז זייער לערנען זאל ווערן לִשְׁמָהּ!**

דער שטייגער פון מורנו ורבנו **שר התורה והענוה, מיין מחותן הגאון הגדול רבי זונדל קרויזער זצוק"ל** איז געווען, אז ער פלעגט שטענדיג מעורר זיין כולל יונגעלייט, אז זיי זאלן ארויסזאגן מיטן מויל און טראכטן אין הארץ בשעת'ן לערנען אין כולל, אז זיי האבן אינזינען דערמיט **"לשם מצות תלמוד תורה"**, און צו מאכן דערמיט נחת רוח לבורא יתברך שמו.

ווייל אין דעם איז ערגער דער שטייגער פון כולל יונגעלייט ווי די בעלי בתים וועלכע זענען קובע עתים לתורה, ווייל א בעל הבית וואס ארבעט דורכן טאג פאר זיין פרנסה, איז אבער ווען עס קומט די צייט וואס ער איז קובע פאר לימוד התורה שלא על מנת לקבל פרס, האט עס א דין פון **"סתמא לשמה"**. און **בדיעבד** אויך אויב ער האט נישט געזאגט און נישט ערקלערט איידער ער האט אנגעהויבן לערנען, אז ער גייט לערנען לשם מצוה, איז דאך פשוט און קלאר און מען זעט פון זיינע גוטע מעשים אז ער לערנט לשמה, און דאס העלפט בדיעבד, אזוי ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין **משנה ברורה** (סי' ס ס"ק י), זע דארט באריכות.

אנדערש איז אבער ביי כולל יונגעלייט, וועלכע באקומען זייער געהאלט חודש'ליך, קען מען חושש זיין אז צומאל קומט מען צום סדר הלימוד צוליב די התחייבות פונעם כולל... און מען טראכט פונעם חודש'ליכן באצאלונג. – דאס איז טראצדעם וואס אין מערסטנס פעלער, ברענגט נישט דאס לערנען אין כולל קיין ארט צו פארדינען גרויס פרנסה... ווייל אויב וויל מען מאכט א פארמעגן, וועט ער עס אוודאי ענדערש טרעפן דורכן ארבעטן אינדרויסן... – פונדעסטוועגן דארף מען חושש זיין, טאמער צוליב די געוואוינהייט פונעם 'ארבעט' פון דער כולל, וועט עס געמאכט ווערן אלץ 'סתמא שלא לשמה'... נאר כדי מען זאל נישט אראפרעכענען פון זיין חודש'ליכן געהאלט.

און אזוי קומט אויס, אז דער יונגערמאן איז געגאנגען אין כולל, אזוי ווי דער סטאלער וועלכער איז געגאנגען צו זיין ארבעט אינעם סטאלעריי... – דעריבער דארף מען ספעציעל אנזאגן די כולל יונגעלייט, אז זיי זאלן אינזינען האבן ביים לערנען, אז מען לערנט לשמה.

ענדליך צו דעם האט **אבי מורי זצוק"ל** שטענדיג אנגעזאגט דערויף, ספעציעל פאר בר מצוה בחורים, אז זיי זאלן שטענדיג אינזינען האבן ביים לערנען, אז מען לערנט לשם מצוה, לויט די אויבנדערמאנטע ווערטער פון דער משנה ברורה, כדי עס זאל זיין תורה לשמה.

און דאס איז אזוי ווי דער נוסח וואס ווערט געברענגט אין די ספרים, אז מען זאל עס זאגן איידער מען הייבט אן צו לערנען: **"הֲרֵינִי רוֹצֶה לִלְמוֹד, לְשֵׁם מִצְוַת תַּלְמוּד תּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיְּבִיאֵנִי הַתַּלְמוּד לִידֵי מַעֲשֶׂה, וְלִידֵי מִדּוֹת יְשָׁרוֹת, וְשֶׁהַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ יַחְזִירֵנִי לְמוּטָב"**.


די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ **רבי גמליאל הכהן רבינוביץ** שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173